# מלחמה אין אוקראַיִנע. טאָג-טעגלעכע ידיעות. 7טער מאַרץ 2022 10.00 פֿרי

צוועלפֿטער טאָג פֿון דער מלחמה

*מיט די עלנבויגן קאָן מען זיך אַ מאָל דורכשלאָגן אַ וועג, נאָר ווײַט ווערסטו ניט אַוועקגיין* (ייִדיש ווערטל)

*[נעכטן האָט אײַער פֿאַרטײַטשער זיך פֿאַרקוקט און איבערגעהיפּערט אַ גאַנצן זאַץ. אָט אָ דאָ:*
*די אוקראַיִנישע אָרגאַניזאַציע פֿאַר בלי-חיים-רעכט "אואַנימאַליס" מעלדט אַז פֿיר פֿון זייערע פֿרײַוויליקע, וואָס האָבן צוגעהאָלפֿן דעם שוצהיים פֿאַר חיות,*
*זענען אומגעקומען בײַ די באַשיסונגען. דאָס אייגענע איז געשען מיט די איינוווינער פֿון טשערניעוו... (ווײַטער איז יאָ געווען אינעם באַריכט]*

**הומאַניטאַרישע קאָרידאָרן** די רוסישע באַוואָפֿנטע כּוחות האַלטן אין איין פֿורץ גדר זײַן אויף די תּקנות פֿונעם אינטערנאַציאָנאַלן מלחמה רעכט: באַשיסונגען גייען אָן בײַ די "גרינע קאָרידאָרן", עקיפֿירונג און מוניציע ווערן אַרײַנגעשטעלט אין שטאָטישע וווינקוואַרטאַלן; אין אַ צאָל שטעט ס'איז פֿאַראַן אַ הומאַניטאַרער קריזיס אין די באַזעצטע ערטער. אין אירפּין בײַ קיִעוו, האָבן רוסישע חיילות בכּיוון געצילט אויף אַ בריק וואָס מע האָט גענוצט אויף צו עוואַקויִרן בירגער, און בירגער זענען באַשאָסן געוואָרן בעת זייער עוואַקואַציע: 8 מעמטשן געהרגעט, בתוכם צו מינדסט צווי קינדער. די שטאָט איז שוין העכער דרײַ טעג אָן קיין שום צוגאַנג צו עלעקטע, ליכט, וואַסער און צענטראַלער הייצונג )צווישן פּלוס 3 און מינוס 9 גראַד קעלט!). אין **[יאַסנעראָדקע](https://sharethetruths.org/)**, צפֿון פֿון קיִעוו, האָט מען בײַ אַ קאָנטראָלפּונקט בירגער באַשאָסן וואָס האָבן געפּרוּווט פֿאַרלאָזן זייער דאָרף. דער צווייטער פּרוּוו מענטשן צו עוואַקויִרן פֿון מאַריופּאָל איז צונישט געוואָרן דורך די אָנגייענדיקע באַשיסונגען. איצט פֿאַרהאַנדלט קיִעוו וועגן עוואַקויִרונג פֿון בוכאַ און אַסטאַמליע (צפֿון-מערבֿ פֿון קיִעוו). בוכאַ איז פּונקט אַזוי ווי אירפּין, אָן וואַסער און עסן, און מע קאָן ניט אַרויס פֿון באַהעלטעניש. דער [בירגערמײַסטער פֿון אַסטאַמליע](https://sharethetruths.org/) איז דערשאָסן געוואָרן בעת זײַן אַרבעט מיט פֿרײַוויליקע אויף צו פֿאַרטיילן עסן פֿאַר די בירגער.

**שטעט אונטער אַטאַק** לופֿט אַליאַרעם האָט מען געהערט אין 17 ערטער אויף איין מאָל, זונטיק אַכט אַ זייגער אין אָוונט. איבער טאָג זענען דער **[ווי‌ניצער](https://sharethetruths.org/)** פֿליפֿלאַץ און די מיליטער-באַזע אין גאַווריש‌יווקע (בײַם צפֿון- מערבֿ פֿון וויניצע) באַשאָסן מיט אַכט ראַקעטן. די ראַקעטן האָט מען אַרויסגעלאָזט פֿון דער [געגנט פֿון שוואַרצן ים](https://sharethetruths.org/). אַטאַקעס אויף כאַרקאָוו גייען אָן. זונטיק האָבן פֿילראַקעטן-שיס-סיסטעמען "גראַד" באַמבאַרדירט דעם נאַציאָנאַלן וויסנשאַפֿט צענטערס אינסטיטוט פֿאַר פֿיזיק און טעכנאָלאָגיע פֿון כאַרקאָוו. דאָרטן געפֿינט זיך אַן אַטאָם-אינסטאַלאַציע מיט 37 נוקלעאַרע ברענשטאָף עלעמענטן. די צעשטערונג פֿון אַ יאָדער-אינסטאַלאַציע מיט געלאַגערטע נוקלעאַרע מאַטעריאַלן וואָלט געקענט גורם זײַן אַ גרויס-פֿאַרנעמיקע אומוועלט-קאַטאַסטראָפֿע. בײַ נאַכט האָבן די רוסן אַטאַקירט דעם דרום-ברעג; פֿריִער שוין האָט פּרעזידענט זעלענסקי אויסגעזאָגט אַז די רוסן האָבן זיך פֿאָרגענומען אָנפֿאַלן אויף אָדעס, נאָכדעם ווי מע האָט באַקומען די מאַפּעס פֿונעם שׂונא. דאָס דאַרף טוזלאַ בײַ אָדעס איז אין דער נאַכט באָמבאַרדירט געוואָרן וועגן דער וויכטיקער אינפֿראַסטרוקטור אין דער געגנט. בירגער-אינפֿראַסטרוקטור אין מיקאָלאַיעוו איז באָמבאַרדירט געוואָרן מיטן שווערן BM-30 "סמערטש". דאָס אַטאַקירן מיקאָלאַיעוו איז וויכטיק אויף צו דערגרייכן צו דער נוקלעאַר-סטאַנציע פֿון דרום-אוקראַיִנע. אין קראַמאַטאָרסק זענען לכל־הפּחות צוויי מענטשן דערהרגעט ווען רוסישע חיילות האָבן געשאָסן אויף וווין-בנינים.

דער רוסישער מעדיע-קאַנאַל "ריאַ נאָוואָסטי" האָט [אָפֿענערהייט מודה געווען](https://sharethetruths.org/) וועגן די אָנפֿאַלן אויף די אוקראַיִנישע דעפֿענסיע-אונטערנעמען, פֿאַררופֿנדיק זיך אויפֿן רוסישן דעפֿענס-מיניסטעריום. זיי האָבן די נײַעס פֿאַרעפֿנטלעכט כּדי בירגער און אַרבעטער זאָלן "זיך עוואַקויִרן" פֿון די פֿאַבריקן און זיך שטעלן אַנטקעגן דער קאָנטראָל פֿון דער אוקראַיִנישער מלוכה.

גיט אַ קוק אויף דער נײַסטער [מאַפּע](https://sharethetruths.org/) פֿון דער רוסישער אָנפֿאַל אויף אוקראַיִנע.

**מאַניפֿעסטאַציעס קעגן דער אָקופּאַציע** אין דער געגנט פֿון כערסאָן האָבן מענטשן דעמאָנסטרירט קעגן די רוסישע באַזעצערס: אין כערסאָן, נאָוואַ קאַכאָווקאַ (בײַם דניעפּר, צפֿון-מיזרח פֿון כערסאָן), נאָוואָאָלעקסיייווקע (בײַם אַזאָווער ים) און קאַלאַנטשאַק (אַן אָרט מיזרח פֿון כערסאָן); אויך די באַוווינערס פֿון טראָייִצקע אין דער לוגאַנסק-געגנט. אין [טשאָנגאַר](https://sharethetruths.org/) (האַרט בײַם קרימיר גרענעץ, דרום-מיזרח פֿון כערסאָן) זענען קרים-טאָטערן אַרויס אויף דער גאַס און גערופֿן די רוסן זאָלן אַרויס פֿון קרים.

**פּראָוואָקאַציעס** מע האָט נאָך מער ידיעות אַז די רוסישע מאַכט איז אויסן צו באַשיסן וווין-געגנטן אין רוסישע שטעט בײַ דער אוקראַיִנישער גרענעץ. לויט דעם סצענאַר, וואָלט מען טראַנסלירט די אינסצענירטע בילדער פֿאַר דער וועלט מיט אַ סך בירגער ווי קרבנות פֿון דער אוקראַיִנישער אַרמיי. אַזאַ באַשולדיקונג צום אוקראַיִנישן מיליטער וואָלט געגעבן אַ תּירוץ פֿאַר אַ נאָך גרעסערער אָפֿענסיווע און אַ מאָבילי‌זירונג אין גאַנצן לאַנד. פּונקט אַזעלכע סצענאַרן האָט מען שוין אויסגעשפּילט בעת דער מיליטערישער טעטיקייט אין אַפֿגאַניסטאַן, טשעטשעניע און אַבכאַזיע. אין ליפּצע (צפֿון פֿון כאַרקאָוו, האַרט בײַ דער רוסישער גרענעץ) צווינגען די באַזעצער די בירגער צו טראָגן ווײַס-רויטע פּאַסן אויף די אַרבלען און אויסהענגען ווײַסע טיכער איבער זייערע בנינים. רוסישע זעלנער האָבן געניצט רויט-ווײַסע אַרבל-פּאַסן אויף צו באַווײַזן זיך.

**מעדיעס** דער טעלעוויזאָר-טורעם פֿון כאַרקאָוו איז געווען געטראָפֿן דורך דעם ראַקעט און די טראַנסלירונג איז דערווײַלע אָפּגעהאַלטן געוואָרן. דעם זעלביקן סצענאַר האָט מען אויסגעפֿירט אין קיִעוו, כערסאָן און מעליטאָפּאָל. אויף צו פֿאַרהיטן אַ מעגלעכע קאָמוניקיר-שטער, האָט דאָס מיניסטעריום פֿאַר דיגיטאַלישער טראַנספֿאָרמאַציע אָנגעהויבן מיט אַ טעלעוויזיע-דינסט אויף אַ מלוכה-אַפּליקאַציע ("עפּ"). די וואָס באַניצן זיך מיט דער נאַציאָנאַלער [דייאַ אַפּליקאַציע](https://sharethetruths.org/) קאָנען איצט זען די נײַעס פֿון אוקראַיִנישע טעלעוויזיע-קאַנאַלן. זונטיק האָבן רוסישע סאָלדאַטן [באַשאָסן און באַראַבעוועט](https://sharethetruths.org/) דעם שווייצאַרישן זשורנאַליסט גייאָם בריקע, און אַוועקגעכאַפּט זײַן געלט, העלם, רעקאָרדירטע מאַטעריאַלן און נאָטיץ-ביכל. די בריטישע רעפּאָרטערס פֿון [סקײַ ניוז](https://sharethetruths.org/) האָט מען באַשאָסן און פֿאַרוווּנדיקט ווען זיי האָבן געפּרוּווט אַרויסקומען פֿון דעם לאָקער (זאַסאַדקע).

**פֿאַלשע ידיעות און בילבולים** רוסלאַנד באַשולדיקט דעם אוקראַיִנישן צד אין פֿאַרהיטן די בירגער-עוואַקויִרונג. אַזוי אַרום טענהען רוסישע מעדיעס אַז די אַזאָווער מיליטאַנטן האָבן צעשאָסן אַ צוג בירגער וואָס האָבן געפּרוּווט פֿאַרלאָזן מאַריופּאָל דורכן קאָרידאָר: פֿאַראַן טויטע און פֿאַרוווּנדיקטע. זיי זאָגן אַז דער צווייטער פּרוּוו צו אַרויסברענגען די אײַנוווינערס פֿון מאַריופּאָל איז דורכגעפֿאַלן צוליב דער פֿאַלשער אינפֿאָרמאַציע פֿון דער אוקראַיִנישער מלוכה וועגן אָט דעם טראַנספּאָרט. רוסלאַנד טענהט אויכעט אַז דער אוקראַיִנישער צד זאָגט זיך קאַטעגאָריש אָפּ פֿון דער עוואַקואַציע פֿון די אײַנוווינער פֿון כאַרקאָוו און סומי. חוץ דעם פּרעטענדירן זיי אַז "ראַדיקאַלן" אין אוקראַיִנע פֿירן אויס אַ "פֿאָלקישע ריי‌ניקונג": "מיליטאַנטן כאַפּן מענטשן וואָס אָן אַן אוקראַיִנישן פּאַספּאָרט און נעמען זיי אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג".

**געזונט-פֿאַרזאָרגונג** זינט דעם אָנהייב מלחמה, זענען [34 שפּיטעלער אין אוקראַיִנע](https://sharethetruths.org/) צעשטערט אָדער געשעדיקט געוואָרן; טייל פֿון זיי וועט מען שוין ניט קענען באַנוצן. אָנפֿאַלן אויף שפּיטעלער מיינט עובֿר זײַן אויף די תּקנות פֿון דער גענוווער קאָנווענץ. אַ קרייץ ראַקעט האָט געטראָפֿן דעם סאַמע גרעסטן קינדער-שפּיטאָל "אָכמאַטדיט". פֿענצטער און טירן צעשטערט. קיינער ניט פֿאַרוווּנדיקט. חוץ דעם פֿאַרהיטן די באַזעצערס דאָס איבערברענגען

צום שפּיטאָל. מע האָט געפּרוווט אַהינברענגען שוואַכע פּאַרוואונדיקטע קינדער, נאָר ס'האָט זיך ניט איינגעגעבן צוליב דעם געפֿאַר פֿון באַשיסונגען.
בעת-מעשׂה פֿאַרשפּרייט זיך נאָך אַלץ די קאָוויד-19 פּאַנדעמיע, כאָטש אויספּרווון (טעסטירן) איז באַגרענעצט און אומפּרעציז. טאָג-טעגלעך פֿאַרשרייבט מען 6-7 טויזנט פֿאַלן, דערפֿון 6-700 גייען אַריין אין שפּיטאָל.

**ענערגיע זיכערקייט** פוטין האָט ארויסגעזאָגט גרייטקייט אָנטייל צו נעמען אין אַ 3-צדדים באַגעגעניש צווישן דער אינטערנאַציאָנאַלער נוקלעאַרער זיכערקייט אַגענץ IAEA, רוסלאַנד און אוקראַינע. אַזאַ באַגעגעניש וואָלט געקאָנט זײַן אָנלײַן אָדער אויפֿן שטח פֿון אַ דריטער מדינה.

**משׂא-ומתּן אין מלחמה-צײַטן** לויט דער אייראָפּעישער מיסחר אסאָציאַציע גייען העכער אַ העלפֿט אוקראַיִנישע פֿירמעס אָן מיט זייער טעטיקייט בשעת דער מלחמה. 63% צאָלן אויס זייערע אָנגעשטעלטע אין גאַנצן און 45% צאָלן עקסטרע. ווי אַ צושטײַער פֿאַר זייערע אָנגעשטעלטע צאָלן פֿירמעס דעם לוין פֿריִער אַ חודש אָדער מער, אויך צו קאָמפּענסירן פֿאַר איבערקלײַבן זיך, דינגען דירות אין מערבֿ-אוקראַינע אָדער אין אויסלאַנד, באַשטעלן פֿאַרזיכערונג (פֿאַרסטראַכירונג) פֿאַר די וואָס גייען אָן אַרבעטן. אוקראַינע-באַזירטע פֿירמעס פּרווון שטיצן אוקראַינע בשעת מילחמה פֿינאַנציעל און העלפֿן אָנגעשטעלטע וואָס פֿאַרטיידיקן דאָס לאַנד, מיט סחורה, הילף, מעדיקאַמענטן און שוץ-און פֿאַרטיידיקונגס-מיטלען.

**לעבנס-מיטלען זיכערקייט** אוקראַינע סוספּעמדירט (איז דוחה) דעם עקספּאָרט פֿון זאַכן וואָס זענען וויכטיק פֿאַר לעבנס-מיטלען זיכערקייט: רײַז, האָבער, גריקע (בוכווייץ), הירזש, פֿלייש, צוקער און זאַלץ. פֿאַרן עקספּאָרט פֿון ווייץ, קוקורוזע (טערקישער ווייץ), בוימל, עופֿות און הינער-אייער דאַרף מען אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פֿונעם עקאָנאָמישן מיניסטעריום.

**איסאָלירונג פֿונעם אַגרעסאָר גייט אָן** אמעריקאַן עקספּרעס האָט אויסגעזאָגט אָפּ צו שטעלן אַלע טעטיקייטן אין רוסלאַנד. אַזוי אַרום וועלן זייערע קאַרטן שוין ניט פֿונקציאָנירן בײַ הענדלער אָדער באַנקאָמאַטן אין רוסלאַנד. אויך האָבן זיי געזאָגט אָפּ צו שטעלן טעטיקייט אין בעלאַרוס. נאָכפֿאָלגערס PwC און KPMG גייען אַרויס פֿון רוסלאַנד און בעלאַרוס, זאָגט Financial Times. דרום קאָרעע האָט אָפּגעשטעלט טראַנסאַקציעס מיט דער רוסישער צענטראַלער באַנק. דאָס איז אַ טייל פֿון די פֿינאַנציעלע שטראָפֿמיטלען אַרויפֿגעלייגט אויף ער רוסישער פֿעדעראַציע. ראַדיאָ ליבערטי קאָרפּ. (RL/RFE) האָט אַ סוף געמאַכט צו זייער טעטיקייט אין דער רוסישער פֿעדעראַציע. **טיק טאָק שטעלט אָפּ** זײַן אַרבעט אין דער רוסישער פֿעדעראַציע צוליב דעם רוסישן געזעץ איבער "כּמו-זאַכן". ספּאָטיפֿײַ מעלדט אַז זייער "פּרעמיום" אַבאָנעמענט גייט שוין ניט אין רוסלאַנד צוליב דעם אַוועקגיין פֿון "וויזאַ" און "מאַסטערקאַרד". זיי האָבן זייער קאָנטאָר פֿאַרמאַכט צווי טעג צוריק. **נעטפֿליקס** באַדינט שוין ניט קיין רוסישע קונים בעת דער אוקראַיִנישער אינוואַזיע.

**קונסט** הײַנט זײַנען איבער 40 קינסטלער צונויפֿגעקומען אין ריגע און האָבן געשאַפֿן סאָלידאַריטעט-קונסטווערק אויף וועגט אין דער שטאָט (וועסעטאַס גאַס). אַ סימבאָלעשע פֿאַרשטעלונג איז פֿאָרגעקומען אינעם שלומה גוגנהיים מוזיי מיט אַן קול־קורא אײַן צו שטעלן אַ פֿאַרווערטע פֿלי-זאָנע איבער אוקראַינע.

**וואָס וועט פֿאָרקומען**

- פֿאַרהאַנדלונגען, 3טע רונדע: דעם 7טן מאַרץ
- 7-8 מאַרץ וועט די אוקראַיִנישע דעלעגאַציע רעדן אין אינטערנאַציאָנאַלן געריכט פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער אין האַג אײַנצוגעבן (לאָדענען) רוסלאַנד אין געריכט צוליב פֿאַרברעכנס קעגן אוקראַינע.

**צאָלן:**

- 36 קינדער געטייט, 71 פֿאַרוואונדיקט אין רוסלאַנדס מלחמה, לויטן אָמבודסמאַן פֿאַר קינדער-רעכט.
- 211 שולן צעשטערט אין אוקראַינע זינט דעם 24סטן פֿעברואַר 2022
- 650.000 אוקראַינער פֿאַרבלײַבן אָן קיין שום עלעקטרע צוליב דעם אָנגייענדיקן קריג, זאָגט דאָס ענערגיע מיניסטעריום.
- בעת דער מלחמה זענען כמעט 4.000 נײַע משפּחות רעגיסטרירט געוואָרן, 4.311 עופּעלעך געבוירן געוואָרן, זאָגט דאָס יוסטיץ מיניסטעריום.
- העכער 140,000 בירגער זײַנען צוריקגעקומען זינט דעם אָנהייב מלחמה.
- אַרום 20.000 אויסלענדער פֿון 52 לענדער, בתוכם פֿריִערדיקע בריטישע ים-סאָלדאַטן, האָבן זיך אײַנגעמעלדן אָנטייל נעמען אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן לעגיאָן פֿאַר דער פֿאַרטיידיקונג פֿון דער אוקראַינער ערד..
- דער גענעראַל-שטאַב פֿון די אוקראַיִנישע באַוואָפֿנטע כּוחות האָט דערקלערט די ערגע־דיקע אַבֿדות (פֿאַרלוסטן) פֿון דער רוסישער אַרמיי ביזן 6טן מאַרץ 7 אין דער פֿרי (מע ציילט נאָך, און סע גייט אָן שוואַר וועגן די שווערע קאַמפֿן): זעלנערס איבער 11.000, טאַנקען 290, פּאַנצערקאַמפֿוואָגנס (בראָנעווועקעס) 999, אַרטילעריע סיסטעמען 117, זעניט- אָדער אַנטילופֿט-האַרמאַטן 23, עראָפּלאַנען 46, העליקאָפּטערס 68, פֿאַרמיטלען 454, פֿילראַקעטן-שיס-סיסטעמען 50, גיכע שיפֿלעך 3, ברענשטאָף טאַנקען 60, אַליין-פֿליִענדיקע עראָפּלאַנען 7.

**יעדע אַקציע העלפֿט, ווי קליין די זאָל ניט זײַן:**

- **די אוניווערסיטעט פֿון טאָרטו (דערפּט) האָט אײַנגעשטעלט אַ סטיפּענדיע-פֿאָנד אויף צו אונטערהעלפֿן אוקראַיִנישע סטודענטן דאָס שטודירן. זײַט מנדבֿ כּדי אונטערצוהעלפֿן אוקראַיִנישע סטודענטן ממשיך זײַן דאָס שטודירן**
- **פֿאַרשפּרייט ווענדונגען אײַן צו שטעלן אַ פֿאַרווערטע פֿלי-זאָנע איבער אוקראַינע עס זאָל קומען אַ סוף צום באָמבאַרדירן בירגער דורך רוסלאַנד, און אויך צו פֿאַרזיכערן די זיכערקייט פֿון דער נייטיקער אינפֿראַסטרוקטור אַזוי ווי יאָדער-קראַפֿט-סטאַנציעס. באַדין זיך מיט #closethesky**
- **פֿאַרשפּרייט אָט די נאָטיצן בײַ אײַערע אָרטיקע מעדיעס און מענטשן מיט השפּעה.**

*אַ דאַנק פֿאַר אײַער הילף!*

*זאָל לעבן אוקראַינע!*